**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/31/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**גאווערנער האָקול אנאנסירט 22׳סטע יערליכע דר. מארטין לוטער קינג דזשר. קאריערע פעיר אום דאנערשטאג, אפריל 7**

***פראגראם ביי עמפייער סטעיט פלאזא קאנווענשען צענטער אין אלבאני פיגורירט איבער 150 אנטיילנעמענדע ביזנעסער און 9,300 דזשאָבס געלעגנהייטן***

***בויט אויף גאווערנער האָקול׳ס אויספירליכע פלאן צו פארשטערקערן ניו יארק׳ס ארבעטסקראפט און איבערבויען דער עקאנאמיע***

***דזשאָב זוכער ווערן געמוטיגט זיך פון פאראויס צו רעגיסטרירן דא***

***ניי דאס יאר: אינפארמאציאנאלע בודקע וועלכע פיגורירט קומענדע קאריערע געלעגנהייטן אין ניו יארק׳ס קענעביס אינדוסטריע***

גאווערנער קעטי האָקול האט היינט געמאלדן אז דער 22׳סטע יערליכע דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר קאריערע פעיר וועט געהאלטן ווערן אויפ׳ן פלאץ דאס ערשטע מאל זינט אנהייב קאָוויד-19 פאנדעמיע אום דאנערשטאג, אפריל 7, 2022, ביי דעם עמפייער סטעיט פלאזא קאנווענשען צענטער אין אלבאני פון 11 אינדערפרי ביז 3 נאכמיטאג. איבער 150 ביזנעסער וועלן זיין אויפ׳ן ארט אנצובאטן דזשאָב אינטערוויוס אויפ׳ן פלאץ מיט קאמפאני פארשטייער אנבאטנדיג איבער 9,300 געלעגנהייטן.

״מיין אדמיניסטראציע איז לעיסער פאקוסירט אויף באהעפטן ניו יארקער מיט גורל׳דיגע דזשאָב געלעגנהייטן וועלכע קענען זיי שטעלן אויפ׳ן וועג צו אן ערפאלגרייכע קאריערע,״ **האט גאווערנער האָקול געזאגט.** ״ארטיגע ארבעטסגעבער נויטיגן זיך אין געניטע ארבעטער אויף אנצוהאלטן עקאנאמישע מאמענטום און ווייטער האלטן ניו יארק אויפ׳ן ריכטיגן וועג. איך מוטיג אלע ניו יארקער וואס זוכן נייע קאריערע געלעגנהייטן, אריינגערעכנט די אין דער קענעביס אינדוסטריע, זיי צו רעגיסטרירן פאר דעם קאריערע פעיר היינט.״

דער קאריערע פעיר בויט אויף גאווערנער האָקול׳ס אויספירליכע פלאן צו פארשטערקערן ניו יארק׳ס ארבעטסקראפט און עקאנאמיע אויף די שפירן פון דער פאנדעמיע. דער דאזיגער זיבן-פאכיגע איניציאטיוו — אויסגערעכנט אין גאווערנער האָקול׳ס 2022 סטעיט אָוו דע סטעיט — טוט ווידער-אויסמאלן און איבערהוילן ניו יארק׳ס צוגאנג צו ארבעטסקראפט אנטוויקלונג דורך פאקוסירן אויף ראיאנישע געברויכן, שאפן און פארברייטערן צוטריט צו קאריערע סערוויסעס און די צוקונפטיגע דזשאבס, און אידענטיפיצירן אינאווירנדע שטייגערן צו בויען דעם ארבעטסקראפט פאר׳ן צוקונפט.

נייע צוגאבן צו דעם פעיר דאס יאר נעמען אריין אן ארט וואס פיגורירט אינפארמאציע פאר ניו יארקער פאראינטערעסירט אין די קומענדע קאריערע געלעגנהייטן אין דער קענעביס אינדוסטריע און א בודקע

וואס טוט אנבאטן גייסטישע געזונטהייט הילפס-מיטלען און וואוילזיין אינפארמאציע. דזשאָב זוכער קענען אויך אויסניצן דער געלעגענהייט פון אויפ׳ן ארט זוכער סערוויסעס, אריינגערעכנט רעזומעי הילף. א הילפס-מיטל צימער וועט אויך זיין צוגעשטעלט אויף נאכצופארשן באשעפטיגונג געלעגנהייטן און אויספילן אפליקאציעס אויפ׳ן אינטערנעט. דער פראגראם, ספאנסירט געמיינזאם דורך דער ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט און דעם אפיס פאר גענעראלע סערוויסעס, איז אומזיסט פאר סיי דזשאָב זוכער און ביזנעסער.

אנטיילנעמער ווערן געמוטיגט זיך צו קליידן פראפעסיאנעל און ברענגען עטליכע קאָפּיעס פון זייערע רעזומעיס. ביזנעסער וועלכע רישען זיך אויפצונעמען נייע ארבעטער אויפ׳ן-ארט נעמען אריין:

- יו-עס צענזוס ביורא
- ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון קארעקשענס און קאמיוניטי אויפזיכט
- ניו יארק סטעיט פאליציי
- פעדעקס
- ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונט
- ׳סיקס פלעגס גרעיט עסקעיפ רעזארט׳
- יו-עס פאסט סערוויס
- אויפמערקזאמע אויפפאסונג
- ניו יארק סטעיט פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאַביליטיס
- קאפיטאל ראיאן BOCES

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמיסיאנערין ראבערטא רירדאן האט געזאגט,** ״צי איר זוכט אייער ערשטער דזשאָב, א נייע דזשאָב אדער איר נעמט אין באטראכט א קאריערע ענדערונג, איז איצט די פערפעקטע צייט צו זוכן. דאס איז די ערשטע מאל וואס מיר האבן די מעגליכקייט צו האלטן דעם פארקומעניש פערזענליך זינט אנהויב פאנדעמיע און עס פריידט מיך אז מיר קענען אייך אנבאטן דער געלעגנהייט זיך צו טרעפן פערזענליך מיט ארבעטסגעבער וועלכע זוכן ארבעטער מיט יעדע מאס ערפארונג.״

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר גענעראלע סערוויסעס קאמיסיאנערין דזשענעט מוי האט געזאגט,** ״דער אפיס פאר גענעראלע סערוויסעס (OGS) פריידט זיך אויפצונעמען די יערליכע דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר קאריערע פעיר און נעמט ווידעראמאל אויף מיט צופרינדהייט דזשאָב זוכער צום עמפייער סטעיט פלאזא קאנווענשען צענטער. מיר מוטיגן דזשאָב זוכער אנטיילצונעמען אום אפריל 7׳טן פאר אינפארמאציע איבער א ברייטע ריי באשעפטיגונג און טרענירונג געלעגנהייטן דירעקט פון ארבעטסגעבער און זייערע אויפנעמער מאנשאפטן. ניו יארק סטעיט׳ס עקאנאמיע איז שווער באטראפן געווארן דורך דער פאנדעמיע, און רעקרוטירונג פראגראמען זענען א באדייטנדע הינזיכט פון דעם סטעיט׳ס גרונטליכע צוגאנג זיך צו ערהוילן פון דעם אראפגאנג און זיך צוריקבויען אן ארבעטסקראפט פאר׳ן צוקונפט.״

דער דר. קינג קאריערע פעיר איז איינע פון די מערסט אנטיילגענומענע פראגראמען אין דעם ראיאן. דורכאויס דער פאנדעמיע האט דער לעיבאר דעפארטמענט געהאלטן אדער אנטיילגענומען אין איבער 65 ווירטועלע קאריערע פעירס און פערזענליך-צוגעפאסטע רעקרוטירונג צוזאמקונפט פראגראמען, סערווירנדיג באלד טויזנטער ביזנעסער און דזשאָב זוכער לענגאויס ניו יארק סטעיט.

די וועלכע ווילן אנטיילנעמען ביים פעיר ווערן געמוטיגט זיך צו רעגיסטרירן אויפ׳ן אינטערנעט. פלאץ איז

באגרעניצט — און מיר ערוואַרטן א גרויסע צאל אנטיילנעמער — און ניו יארקער ווערן שטארק געמוטיגט זיך צו רעגיסטרירן ווי פריער מעגליך.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן